**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן גוט מארגן ג קרח ב דר"ח תמוז תשפו**
**קול פנים מאירות 8211 – 414 – 845**

א גוט מארגן, דינסטאג פרשת קרח, ב' ראש חודש, א' לחודש תמוז תשפ"ה. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן חודש; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד. "ברוך הוי ברוך הוא, הודו לו ברכו שמו, כי טוב ה' לעולם חסדו".

**די דריי חדשים פון 'תלת זימנא הוי חזקה' זיך צו גרייטן צום יום הדין**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, היינט איז א' לחודש, "ז'מני ת'שובה מ'משמשים ו'באים". היינט איז דער ערשטער טאג פון די דריי חדשים. וואס איז די באדייט פון דריי? חז"ל זאגן אז "תלת זימנא הוי חזקה". מיר גייען יעצט מאכן א חזקה אז מיר זענען ערליכע אידן, מיר זענען הייליגע אידן, מיר זענען לויטער און ריין. אין די דריי חדשים וואס מען גרייט זיך צו צום יום הדין, צום יום הגדול והנורא – די הייליגע טעג פון ראש השנה, עשרת ימי תשובה, יום כיפור, סוכות און שמחת תורה – אין די דאזיגע גוואלדיגע הייליגע טעג גייען מיר יעצט מאכן א חזקה פון דריי חדשים אז מיר לעבן אין תשובה, מיר לעבן אין נאנטקייט צום אייבערשטן, מיר לעבן און מאכן תיקונים, און מיר לעבן אין דביקות הבורא יתברך שמו ויתעלה.

מיר גייען מאכן תיקונים און זיך דערנענטערן צום אייבערשטן מיט א פנים מאירות; זיין א "פנים מאירות" איד מיט אשב"ש – אמונה, שלום, בטחון און שמחה. זיך קאכן אין אמונה, זיך קאכן אינעם הייליגן באשעפער. היטן די אויגן, דאס מויל, די אויערן, די הענט און די פיס, און היטן אלע רמ"ח איברים ושס"ה גידים זיי זאלן נאר טון – סיי אין מחשבה, סיי אין דיבור און סיי אין מעשה – וואס עס איז א נחת רוח פארן אייבערשטן; אז מיר זאלן דערמיט טון דעם רצון ה' און מפרסם זיין כבוד שמים. דריי חדשים איז א חזקה, און דער אייבערשטער וועט העלפן אז אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה און א גמר חתימה טובה אין די הייליגע טעג בעזרת ה'.

**מעשיות פון אידישע קינדער וואס קאכן זיך אין 'פנים מאירות'**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר ווילן געבן א יישר כח פאר די אידן וואס האבן אריינגעשיקט מעשיות: איינער א מעשה איבערן כח התפילה, און א צווייטער א מעשה פון כיבוד אב ואם. מיר גייען עס יעצט מפרסם זיין, און מיר בעטן אז אידישע קינדער זאלן ווייטער מפרסם זיין די מעשיות, ווייל די מעשיות ווערן דערציילט דורך אידן וואס קאכן זיך אין "פנים מאירות", אין אשב"ש און אין דביקות הבורא, און זיי דערציילן די מעשה כדי מזכה צו זיין דעם רבים. עס איז א זכות פאר זיי, עס איז א זכות פאר די וואס דערציילן עס ווייטער, עס איז א זכות פאר כלל ישראל, און עס איז א פרסום פון כבוד שמים.

**די ישועה פונעם מלמד: דער כוח פון א תפילה מעומק הלב**

א פנים מאירות'דיגער איד האט דערציילט: ער האט א חברותא וואס איז א מלמד אין כיתה ט', און ער לערנט מיט די בחורים חומש רש"י. כיתה ט' זענען שוין בר מצוה בחורים. איין בחור האט אנהייב יאר גאנץ פיין געלערנט, אבער ביסלעכווייז האט ער זיך, ווי מען זאגט, "איינגעוואוינט", און ער איז געווארן אן איבערדרייער. ער האט אנגעהויבן איבערצודרייען די גאנצע כיתה. מען האט פרובירט מיט גוטן, מען האט פרובירט מיט בייזן, מען האט אפילו פרובירט אים צו איגנארירן; אבער וואס מען זאל נאר פרובירן, און וועלכן מהלך מען זאל נאר נעמען, גארנישט ארבעט נישט. ער דרייט איבער די כיתה יעדן טאג, ער שטערט דאס לערנען, ער שטערט דעם מלמד, און ער שטערט די אנדערע בחורים אין כיתה. ער שטערט פשוט אן אויפהער. עס איז שוין געקומען צו א מצב וואס מען האט אנגעהויבן טראכטן אז מען מוז אים אריינלייגן אין אן אנדערע כיתה, אדער אפשר אים אראפשטעלן א כיתה אלס א קנס. מען מוז דאך עפעס טון.

דער מלמד האט געזאגט פאר זיין חבר, א פנים מאירות איד, אז ער שפירט נישט גוט דערמיט וואס ער האט אזא דורכפאל און

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן גוט מארגן ג קרח ב דר"ח תמוז תשפו**
**קול פנים מאירות 8211 – 414 – 845**

ער איז נישט מצליח מיט דעם בחור. עס טוט אים וויי אז צוליב זיין חוסר הצלחה זאל דאס קינד דארפן אנקומען אין א נידריגערע כיתה. ער ווייסט אז דאס גייט דעם בחור זייער וויי טון, עס גייט אים דערנידערן און גורם זיין גרויס צער פאר אים און פאר זיינע עלטערן, מיט בושות און בזיונות. ער וואלט בשום אופן נישט געוואלט אז דאס זאל געשען, אבער מצד שני קען ער אים בשום אופן נישט האלטן אין זיין כיתה, ווייל עס איז אן אמת'ע הפקרות ווען ער געפינט זיך דארט.

האט אים דער פנים מאירות איד געזאגט: "ביי אונז אין פנים מאירות רעדט מען אזוי פיל פונעם כח התפילה. האסטו שוין געדאוונט צום אייבערשטן? האסטו זיך שוין אויסגעוויינט פארן אייבערשטן?" "ניין," זאגט ער. ער באשליסט צו גיין דאווענען צום אייבערשטן, ס'איז א גוטע עצה. עמך ישראל קדושים הם, זיי הערן א גוטע עצה און נעמען עס גלייך אן אויפן פלאץ; זיי זענען מקשיבים בני מקשיבים, מקבלים בני מקבלים, ברוך הוי' ברוך הוא, הודו לו ברכו שמו.

צופרי שטייט ער אויף, ער שטעלט זיך דאווענען, און ער לייגט צו א ספעציעלע תפילה אז דער אייבערשטער זאל העלפן דאס קינד זאל אנהייבן מצליח זיין, זיך מכניע זיין און אים אויסהערן, מען זאל אים נישט דארפן ארויסשיקן פון דער כיתה, און ער זאל נישט זיין קיין מלמד וואס פאראורזאכט אזא צער און בזיון. ער רעדט זיך אויס פארן אייבערשטן, ער בעט דעם אייבערשטן, און ער דאנקט אים פארן האבן די זכות אז מיר קענען דאווענען און האפן אז אונזערע תפילות וועלן מתקבל ווערן ברחמים וברצון. דאס איז געווען א תפילה, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מעומקא דליבא – אן אמת'ע תפילה. ער האט באמת געוואלט אז דאס קינד זאל ביי אים מצליח זיין.

**ער קומט אריין אין חדר, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, איר הערט וואס ס'איז געשען? דאס אומגלויבליכסטע איז געשען! דאס קינד קומט צו צו אים: "מלמד, איך וויל מיט אייך רעדן." ער נעמט אים אויף א זייט, און דאס קינד זאגט אים: "טייערע רבי, איך וויל אנפאנגען א נייע בלעטל. איך וויל מען זאל פארגעסן וואס איז געווען ביז יעצט, איך וויל ווערן א נייע מענטש. איך וויל אנפאנגען פאלגן און זיך צושטעלן. איך בעט אייך, פארגעס פון דעם אלטן 'איך' און זע אז איך בין א נייע מענטש." ער בעט דעם מלמד ער זאל מיט אים מיטארבעטן.**

דער מלמד איז געווען אזוי נתפעל און ער פרעגט אים: "האט דיר איינער געשיקט רעדן צו מיר?" ניין, קיינער האט אים נישט געשיקט און קיינער האט אים גארנישט געזאגט, נאר עס איז אים אליין היינט צופרי איינגעפאלן דאס צו טון.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דא זעט מען דעם געוואלדיגן כח פון תפילה,** דעם כח פון זיך דורכרעדן מיט'ן אייבערשטן און בעטן ביים אייבערשטן. מען דארף נישט קיין גוי'אישע הילף, מען דארף נישט קיין חכמות חיצוניות, און מען דארף אפילו נישט קיין גרויסע מומחים. **מען דארף א הארץ וואס האט ליב אידישע קינדער און וויל נישט וויי טון א איד, וויל נישט פארשעמען און וויל נישט מצער זיין. מען דארף א הארץ פון א איד וואס וויל מצליח זיין אין זיין עבודת הקודש פון חינוך הבנים, אריינצוברענגען אידישע קינדער לתורה ועבודה ויראת שמים, און מען דארף תפילה פון "לכל אשר יקראוהו באמת".** אז מען בעט דעם אייבערשטן באמת ווערט מען געהאלפן אויפ'ן פלאץ, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. זייט'ס מפרסם די מעשה, עס איז א קידוש כבוד שמים!

**די מורא'דיגע שכר פון מצות כיבוד אב ואם פאר א חתן**

א חתן האט אריינגערופן מפרסם צו זיין א מעשה פון כיבוד אב ואם, און דאס איז א געוואלדיגע מוסר-השכל'דיגע מעשה. מיר זאגן דאך שיעורים צען מינוט כיבוד אב ואם, און עס ווערט ארויס געברענגט די געוואלדיגע שכר וואס מ'האט און וואס מ'זעט בעולם הזה זייער שנעל, וואס דער אייבערשטער גיט אונז פאר די מצוה פון כיבוד אב ואם.

דער חתן פארציילט אז ער האט גרויסע נסיונות מיט כיבוד אב ואם; ער קומט זיך נישט אזוי אויס מיט זיין טאטן. דער טאטע איז שארף אויף אים, דער טאטע איז אנגעלייגט אויף אים און קאנטראלירט אים זייער שטארק, אבער ער וויל ארבעטן אויף כיבוד אב ואם. אזוי ווי ער איז א חתן, גייט ער אויך צו א חתן-רבי, און דער חתן-רבי האט אים אויך געזאגט: "מ'קען נישט אזוי חתונה האבן; מ'דארף חתונה האבן מיט כיבוד אב ואם, מיט'ן שעצן א טאטע און ארויפקוקן אויף א טאטע. ווען מ'גייט צו א חתונה דארף מען האבן דעם זכות"

דא רעדט מען פון א חתן, א "פנים מאירות" חתן וואס לעבט מיט די שיעורים, און דער חתן האט געשפירט ביי זיך אז ס'איז באמת שווער. ער האט אבער מחליט געווען אז ער גייט נעמען די מצוה אין די הענט, און נישט נאר "לפנים" פאר'ן טאטן – וואס דאס האט ער ביז יעצט אויך פרובירט דאס שענסטע און בעסטע וואס ער קען, מקיים צו זיין כיבוד אב און מורא אב – נאר אויך אין הארצן ארויפקוקן אויפ'ן טאטן, שעצן דעם טאטן, מלמד זכות זיין אויפ'ן טאטן און פארשטיין דעם טאטן. ער האט מקבל געווען אויף זיך די די עבודת הקודש.

**"הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער," זאגט דער חתן מיט גרויס התרגשות. אזויווי ער האט מקבל געווען די עבודת הקודש בלב שלם ובנפש חפצה, מיט אן אמת'דיגן רצון צו טון דעם רצון השם, האט ער געהאט א געוואלדיגע ישועה. עס איז נאך נישט געווען קיין דירה, אבער פונקט אין יענעם טאג האט מען באקומען א דירה; די שכירות איז טאקע געווען א גוטער פרייז לויטן מארקעט, אבער נאך אלץ אביסל צו טייער פאר אים, אז ער זאל קענען ווייטער זיצן און לערנען רואיג.** דער אייבערשטער, מיט א געוואלדיגן מופת דורך השגחה פרטית פונעם כל יכול, האט אים געוויזן זיין יד השם: זיין טאטע – וואס איז נישט בטבע קיין גרויסער געבער אדער אזא איבערגעגעבענער און געטרייער מענטש פאר זיינע קינדער (אזוי האט כאטש דער חתן געמיינט) – האט אים פלוצלינג געזאגט: "איך ווייס אז דו ווילסט זיצן און לערנען, און איך שעץ דיין תורה; פאר די קומענדיגע צוויי יאר גיי איך דיר געבן א גרויסן חלק פון די שכירות רענט, כדי דו זאלסט קענען זיצן און לערנען מיט אן ישוב הדעת."

**זאגט דער חתן, אז דאס איז געווען דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן וואס ער האט געהערט א גוט ווארט פון זיין טאטן; דאס ערשטע מאל וואס ער האט געזען אז זיין טאטע שעצט אים און שעצט זיין תורה, און דאס ערשטע מאל וואס ער האט געשפירט די ווארעמקייט וויאזוי א טאטע זארגט פאר זיין קינד: "מיין קינד, איך גיי דיר ארויסהעלפן נאך די חתונה". די "כמים הפנים לפנים" האט ארויסגעשיינט, ווי דער אייבערשטער מאכט אז עס זאל אויפלייכטן פאר א איד וואס וויל באמת באמת מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם כתיקונה, מיט אלע הידורים, אזוי ווי מיר זאגן אין די שיעורים. דער זעלבער טאטע וואס ער האט געשפירט אז ער קען אים שוין נישט אויסהאלטן – נאכדעם וואס ער האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות אין ענווה און אין כיבוד אב ואם, נישט נאר בפועל נאר אויך אין הארצן – האט דער אייבערשטער אים גראד צוריקגעלאכטן, און טאקע דורך זיין טאטן איז אים צוגעקומען אזא אור.**

### דער שמועס צווישן דעם בעל שם טוב הקדוש און דעם פני יהושע

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, איך וועל פארציילן א מעשה וואס מ'קען מדמה זיין מילתא למילתא צום ענין וואס מיר האבן יעצט גערעדט. ס'איז ארויסגעקומען א ספר "מורשת הלב", וואס דער זוהן פונעם היינטיגער קראסנער רב זאל זיין געזונט האט ארויסגעגעבן; ער האט געדרוקט דעם ספר מיט סיפורים וואס זיין זיידע רבי הלל ליכטנשטיין דער קראסנער רב האט פארציילט. ער פארציילט דארט אויף דף ד', ווען מ'רעדט ארום איבער דעם וואס זיין זיידע האט אלץ נאכגעזאגט פונעם בעל שם טוב הקדוש, ברענגט ער אזוי: זיין זיידע רבי יחיאל מיכל הכהן פריעד האט עס געהערט פון זיין שווער רבי הלל ליכטנשטיין, וואס האט עס געהערט פון זיין טאטן רבי ברוך בענדיט פון קראסנא, וואס האט עס געהערט פון רבי הלל קאלאמייער.

דער הייליגער בעל שם טוב הקדוש האט זיך אמאל געטראפן מיטן הייליגן פני יהושע. דער פני יהושע האט פארגעהאלטן דעם

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן גוט מארגן ג קרח ב דר״ח תמוז תשפו**
**קול פנים מאירות 8211 – 414 – 845**

בעל שם טוב: פון וואו נעמט ער א נייע דרך אין עבודת השם? ביז יעצט האט מען געלערנט, מען האט געדאווענט, מען האט געהיטן די הלכות און די ארבעה חלקי שולחן ערוך מיט די מסורה; אלעס האט מען דאך ביז יעצט אויך געהאלטן. עס זענען דאך געווען ערליכע אידן ביז יעצט אויך, אויב אזוי, וואס האט אויסגעפעלט א נייע דרך?

האט דער בעל שם טוב הקדוש געזאגט פארן פני יהושע כדי אים מסביר צו זיין: ווען דער הייליגער באשעפער האט געגעבן די תורה אויפן בארג סיני, איז כלל ישראל דעמאלטס געווען אין א זייער הויכע און הייליגע מדרגה. שפעטערדיגע צייטן, ווען אידן האבן נאכגעלאזט פון היטן די תורה רחמנא ליצלן און אנגעהויבן דינען עבודה זרה, איז די תורה הקדושה ארויפגעגאנגען אויבן אין הימל און געזאגט צום באשעפער: ״איך וויל מער נישט זיין אויף דער וועלט; די אידן האבן פארגעסן פון מיר און פון די תורה, איך בין דארט אינגאנצן איבריג.״

מען האט דעמאלטס געזוכט עצות וויאזוי מען קען מפייס זיין און איבערבעטן די תורה הקדושה. האבן די חכמים געטראפן אן עצה: זיי וועלן מבטל זיין דעם יצרא דעבודה זרה, כדי די תורה זאל קענען בלייבן אויף דער וועלט אן קיין בזיון. און טאקע, אזוי איז באמת געשען.

ס׳איז אריבער א שטיק צייט, און די תורה איז שוין ווייטער ארויפגעקומען אויבן אין הימל און גע׳טענה׳ט אז זי וויל מער נישט זיין אויף דער וועלט. די אידן האבן פארגעסן, זיי האבן אנגעהויבן לערנען תורה שלא לשמה, און די תורה וויל נישט מ׳זאל לערנען שלא לשמה, נאר מ׳זאל לערנען בלויז לשמה. האבן די חכמים געטראפן אן עצה און געזאגט, אז אפילו אויב איינער לערנט תורה שלא לשמה הייסט עס אויך אז ער האט געלערנט תורה, ווייל ״מתוך שלא לשמה בא לשמה״. די תורה הקדושה האט זיך געלאזט איבערבעטן און איז ווייטער געבליבן דא אויף דער וועלט.

וויבאלד אבער אידישע קינדער האבן אנגעהויבן לערנען תורה שלא לשמה, און מ׳איז צוגעקומען צו דער נידריגער מדרגה רחמנא ליצלן פון לערנען ״לקנטר״ – מיט דער כוונה זיך צו רייצן און ווי צו טון איינער דעם צווייטן דורך דער תורה – האט די תורה הקדושה עס נישט געקענט פארטראגן. זי האט נישט געקענט צוקוקן ווי מ׳נוצט די תורה צו זיין א בעל גאוה און צו טרעטן אויף אנדערע אידן, צו טשעפענען און מצער זיין. די תורה הקדושה האט ווידער געוואלט צוריק ארויפגיין אויף יענער וועלט, אבער מ׳האט איר בארואיגט און געזאגט אז דער תכלית איז דאך צו לערנען לשמה, און מ׳וועט אזוי לאנג לערנען ביז מ׳וועט אויפהערן לערנען לקנטר און מ׳וועט צוקומען פון שלא לשמה צו לשמה. דעמאלט האט זיך די תורה הקדושה בארואיגט.

לעצטנס, אזוי זאגט דער בעל שם טוב הקדוש פארן פני יהושע, האט זיך די תורה הקדושה אפגערעדט אז מ׳לערנט תורה אינאיינעם מיט חכמות חיצוניות; מ׳לערנט תורה שלא בקדושה, און ס׳איז נישט קיין ריינע תורה. וואספארא פנים האט דאס צו לערנען די תורה הקדושה צוזאמען מיט חכמות חיצוניות? דאס איז דאך פונקט דאס פארקערטע פון קדושת התורה. זאגט דער בעל שם טוב הקדוש, אז יעצט האט זיך די תורה הקדושה שוין נישט געלאזט איבערבעטן; זי לאזט זיך מער נישט איבערבעטן. וויבאלד מ׳לערנט תורה מיט חכמות חיצוניות און מ׳שטודירט אינאיינעם מיט די תורה, וויל די תורה מער נישט צוריק אראפקומען אויף דער וועלט.

האט מען אראפגעשיקט דעם בעל שם טוב הקדוש אויף דער וועלט, ער זאל מגלה זיין פאר אידישע קינדער א נייעם וועג: ״טוב מעט בכוונה״ – ס׳איז בעסער א ביסעלע מיט א גוטע כוונה, ״מהרבה שלא בכוונה״ – ווי איידער אסאך אן קיין כוונה. אפילו אויב מ׳לערנט ווייניג, זאל אבער דאס ביסל לערנען זיין בקדושה ובטהרה, מיט ריינע מחשבות און אפגעהיטענע דיבורים. און צוליב דעם האט דער בעל שם טוב הקדוש מתקן געווען מ׳זאל גיין אין מקוה, אזוי זאגט דער בעל שם טוב הקדוש פארן פני יהושע, כדי מ׳זאל קענען לערנען תורה בקדושה ובטהרה.

ווען די תורה האט געזען דעם נייעם וועג, אז מ׳גייט לערנען תורה בטהרה, האט זיך די תורה בארואיגט. און ממילא איז יעצט

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן גוט מארגן ג קרח ב דר״ח תמוז תשפו**
**קול פנים מאירות 8211 – 414 – 845**

שוין פארענטפערט פארוואס דער בעל שם טוב האט געברענגט א נייעם וועג. אזוי האט דער בעל שם טוב הקדוש געזאגט פארן פני יהושע.

ווען דער פני יהושע האט דאס געהערט האט ער געזאגט: ״גאנץ פיין, גאנץ פיין, אבער וואס וועט זיין אז עס וועט קומען א צייט און מען וועט דאס חסידות אויך אויסמישן מיט חכמות חיצוניות, חס ושלום! מען וועט חס ושלום טון אלעס וואס דאס הארץ גלוסט, מען וועט זיך נישט היטן אזוי בקדושה, און מיט חסידות אליין וועט מען פארשפרייטן חלילה וחס אפיקורסות, און קיינער וועט זיך נישט קימערן; מען וועט זיך נאך האלטן פאר א פיינעם חסיד.״ ווען דער פני יהושע האט געענדיגט זאגן זיינע ווערטער, האט זיך דער בעל שם טוב הקדוש אינאיינעם מיטן פני יהושע שטארק צעוויינט, און דער בעל שם טוב הקדוש האט זיך אנגערופן: ״גייט איר אויף אייער דרך, און איך וועל גיין אויף מיין דרך.״

ער פארציילט ווייטער, אז דער קראסנער רב האט נאכגעזאגט די מעשה ביי די שבע ברכות פון זיין איידעם, און ער האט צוגעלייגט: דער צאנזער רב האט זיך אמאל אויסגעדריקט צו זיינע קינדער, ״עס וועט קומען א צייט, עס וועלן זיין רבי׳ס וואס וועלן רייטן אויף א וואגן אינאיינעם מיט נשים נכריות - פרעמדע פרויען, און די חסידים וועלן נאכלויפן דעם וואגן און שרייען ׳קדוש קדוש׳.״ האבן די קינדער געפרעגט דעם צאנזער רב: ״וואס זאלן מיר דעמאלטס טון?״ האט דער צאנזער רב געענטפערט: ״גיין דערקעגן וועט איר נישט קענען, איך בעט נאר אז איר זאלט כאטש נישט העלפן שטיפן דעם וואגן.״

האט דער קראסנער רב מסביר געווען אז דער פשט איז אזוי: שלמה המלך אין משלי רופט אן חכמות חיצוניות ״נשים נכריות״. עס וועלן זיין רבי׳ס אנגעפילט מיט חכמות חיצוניות, און די חסידים וועלן נאכשרייען ״קדוש קדוש״. און דער קראסנער רב האט צוגעלייגט: ״בזמנינו לעבן מיר אין אזא תקופה.״

בשעת מעשה איז דארט געווען דער קיוויאשדער רב, און ווען דער קראסנער רב האט געענדיגט דאס דערציילן, האט זיך דער קיוויאשדער רב אנגערופן אז ער האט א קבלה אז דער הייליגער דברי חיים האט עס געזאגט ווען ער איז געווען אינעם באן-הויף אין דער שטאט שענדישוב. זייט דעמאלטס, ווען דער קראסנער רב פלעגט דערציילן די מעשה, פלעגט ער צולייגן אז די מעשה האט פאסירט אינעם באן-הויף אין שענדישוב.

**זיך דאנקען דעם באשעפער מיט ריינע אמונה אן קיין חכמות חיצוניות**

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואס זעען מיר פון דער מעשה? מיר זעען פון דער מעשה דאס וואס דער בעל שם טוב הקדוש האט אונז מגלה געווען, אז מיר זאלן זיך מקריב זיין צום אייבערשטן מיט אמונה, מיט שלום, מיט בטחון, מיט שמחה, מיט תורה, מיט עבודה, און מיט יראת שמים, חלילה וחלילה נישט מיט קיין חכמות חיצוניות. ווען דעם בעט מען אונז אזוי שטארק: אידישע קינדער, דערציילט מעשיות, אזוי ווי די אידן האבן היינט דערציילט; זייט מפרסם מעשיות, וואס דורך דעם וועלן אידן זען אז פשוט׳ע תורה׳דיגע אידן, ערליכע אידן, אמונה׳דיגע אידן און פרייליכע אידן זעען גוואלדיגע ישועות דורכ׳ן גיין אינעם דרך התורה והמסורה און זיין נאנט צום אייבערשטן.**

**מיר האבן געגעבן א געוואלדיגן שיעור אין אמונה בענין הסתרה שבתוך הסתרה**. הייליגע טייערע אידישע קינדער, הערט אויס דעם שיעור, חזור בה וחזור בה, הפוך בה והפוך בה דכולא בה. בעזרת השם ובסיעתא דשמיא, זאל דער אייבערשטער העלפן אז מיר זאלן פועל׳ן היינט כל מיני ישועות. דער אייבערשטער זאל העלפן מ׳זאל זיך קענען גרייטן צו די הייליגע טעג מיט א ריכטיגן ישוב הדעת, ותקנינו בעצה טובה מלפניך, וחננו מאתך חכמה בינה ודעת. דער הייליגער באשעפער זאל שיקן השפעות טובות, הרחבה בהרווחה, פועל׳ט אלעס גוטס, און א לעכטיגן תמיד. אמן כן יהי רצון.